# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

ויקרא
תשפ"ג לפ"ק
גליון רמ"ה



## פראגע

**פארוואס קען נאר דער מאן געבן א גט פאר זיין ווייב, אבער די ווייב קען נישט פארלאנגען א גט אדער געבן א גט?**

## ענטפער:

**ער** זאגט אז עס איז נישט יושר אז א ווייב קען נישט פארלאנגען א גט, אבער דער מאן קען געבן א גט ווען ער וויל.

ערשטנס כל, עס איז אמת אז לויט די תורה קען א מאן געבן א גט פון זיין אייגענעם ווילן, אבער נישט היינט. היינט צו טאגס קען ער נישט געבן קיין גט נאר אויב זיין ווייב איז מסכים צו נעמען די גט. דאס איז א שוין א לאנג-אוועקגעשטעלטע תקנה פון רבינו גרשום. קיין שום מאן קען נישט געבן א גט חוץ אויב די ווייב איז מסכים. אויב זי איז נישט מסכים, קען ער פשוט נישט געבן א גט. און ער קען קיינמאל נישט חתונה האבן מיט א צווייטן אויב זי נעמט נישט די גט. אבער די ארגינעלע דין תורה מדאורייתא איז געווען אז א מאן קען געבן א גט אן זיין ווייב׳ס הסכמה.

יעצט אויב פרעגט איר פארוואס די ארגינעלע דין איז געווען אזוי, איז די ערקלערונג גאנץ פשוט. ווייל מיר דארפן פארשטיין אז לויט די תורה – און נישט בלויז די תורה; איך וויל עס נישט באגרעניצן צו די תורה – דאס איז געווען להבדיל די סטאנדארט פון די גאנצע מענטשהייט בעפאר זיי זענען געווארן קאראפטירט מיט מאדערנע געדאנקען. עס איז געווען די סטאנדארט פון די מענטשהייט אז ווען א פרוי האט חתונה גייט זי אריין אונטער די רשות פון איר מאן. זי און איר מאן זענען נישט סתם צוויי שותפים, דאס איז א טעות וואס איז הערשט לעצטנס פארשפרייט געווארן.

ביי אלע פעלקער פון דער וועלט האט מען פארשטאנען אז דער מאן איז דער קאפיטאן פונעם שיף, און עס קען בלויז זיין איין קאפיטאן! נישט צוויי! איך קען דאס זאגן ווייל עס גייט מיר נישט אן וואס מענטשן טראכטן; במילא קען איך זאגן דעם אמת.

און איך האב לעצטנס ערקלערט אז דער קאפיטאן טראגט א ספעציעלן יוניפארם: א בארד. עס איז א סימן אז ער איז דער בעל הבית. אודאי אויב דו נעמסט אראפ די בארד איז עס דיין שולד. אויב ביזטו א קאפיטאן און דו נעמסט אראפ דיין קאפיטאן סימבאלן, וועט יעדער מאטראז מיינען אז ער איז פונקט אזוי גוט ווי דיר.

און דערפאר, די פעמיניסטן, זיי קוקן אויף אלע גלאטע-פנים ליבעראלן און זיי זעען נישט קיין סיבה פארוואס זיי זאלן זיין אנדערש. אויב די מענער וואלטן ווען געטראגן זייערע מונדירן, וואלן די פעמיניסטן ניטאמאל גע׳חלומ׳ט פון מאכן א רעוואלוציע.

די גאנצע פעמיניסטישע באוועגונג האט זיך נאר אנגעהויבן נאכדעם וואס מענטשן האבן אנגעהויבן שערן די בערד. בעפאר די מענער האבן זיך אנגעהויבן צו שערן, האבן זיי זיך נישט געקענט עפענען די מיילער. עס איז געווען לעכערליך! א באדרלאזער מענטש זאל זיך לאזן הערן? פרעזידענטן האבן אלע געהאט בערד. גענעראלן האבן אלע געהאט בערד. זעלנער האבן אלע געהאט בערד. קיינער וואלט נישט געטראכט פון אזא לעכערליכע זאך ווי מאכן א פרוי פאר פרעמיער מיניסטאר אדער אפילו אז א פרוי זאל זיין אין קאנגרעס. יעדער אין קאנגרעס האט געהאט בערד. געוויסע האבן געהאט בערד ביז דא, אנדערע האבן געהאט אזעלכע בערד; אלע מאדעס פון בערד, אבער יעדער האט געטראגן דעם אידענטיפיקאציע פון א מאן. דאס איז שכל הישר לויט די נאטור און דאס איז די וועג וויאזוי דער בורא האט עס אויסגעפלאנירט צו זיין.

בלויז נאכדעם וואס זיי האבן אנגעהויבן אראפברעכן די סטאנדארטן פון די מענטשהייט דעמאלטס האבן זאכן זיך אנגעהויבן טוישן.

יעצט, עס איז אמת אז די רוימער האבן נישט געהאט קיין בערד, אבער די רוימער האבן געהאט זייער אסאך זאכן וואס אפילו היינט וואלט עס קיינער נישט געוואלט נאכמאכן. די רוימער האבן למשל געהאט א געדאנק פון זיך לאזן וואוילגיין

אויף א זונטאג נאכמיטאג, אז מען נעמט די ווייב און קינדער און מען גייט ארויס צו די צירקוס, וואו מען האט געזען וויאזוי מענטשן ווערן אויפגעגעסן דורך לייבן. און כאטש מיר האבן געמאכט אסאך פארשריט אין די לעצטע צען יאר, אבער מיר זענען נאכנישט אנגעקומען דערוויילע צו דעם... צו אזוינס זענען מיר נאכנישט אנגעקומען. דערפאר קען מיר זיך נישט אפמעסטן קעגן די אזוי-גערופענע רוימישע "ציוויליזאציע".

ווען א פרוי האט חתונה דארף זי צום ערשט אפמאכן ביי זיך אז דאס איז עס. אדער האב נישט חתונה צו אים, אבער אויב יא, דאס איז עס! דו ביזט דארט אויף אייביג. אדער אויב וועסטו זיך נישט אויפפירן ווי עס דארף צו זיין, וועט דער מאן דיר פארשיקן.

איך ווייס אז די פרויען וועלן רעוואלטירן קעגן דעם. אפילו די גוטע פרויען היינט צו טאגס. די היינטיגע ארטאדאקסישע מיידלעך וועלן רעוואלטירן אויף דעם, ווייל די געדאנקען פון די מארקעט-פלאץ האט אריינגעדרינגען אין אלע שטאפלען פון געזעלשאפט. אבער אין די אלטע צייטן, אפילו צווישן נישט-אידן, איז עס געווען שכל הישר אז עס דארף זיין איין קאפיטאן און עס דארף זיין פאלגזאמקייט.

איז דערפאר, אויב א יונגל האט נישט געוואלט אויפשטיין אינדערפרי צו גיין צו דער ארבעט אדער אין די שפעטערדיגע דורות אין שולע, איז נישט געווען אזא זאך ווי אים לאזן גיין זיין וועג.

היינט האסטו יונגלעך וואס ווילן בכלל נישט גיין בכלל אין שולע! דרייצן יעריגע יונגלעך ווילן בכלל נישט גיין אין שולע! איר ווייסט פארוואס? ווייל זיי האבן נישט קיין טאטע. פארוואס איז נישט דא קיין טאטע? ווייל עס איז געווען א גט. די מאמע גייט צו די קאורט. זי וויל זיין זעלבסטשטענדיג, און ער דארף איר אויסהאלטן. דער מאן האלט איר אויס און זי וואוינט אליינס מיט איר זון. און במילא וויל דער זון נישט גיין אין סקול. וואס טוען זיי? איך וויל אפילו נישט זאגן וואספארא נידריגע זאכן זיי טוען. און וויבאלד זי איז א מאמע, גייט אלעס מיט. אבער אמאליגע צייטן...

איך האב אמאל געזען אן ארטיקל – עס איז געווען א לאנגע צייט צוריק – און עס איז געשטאנען דארט וועלכע לאנד אין אייראפע עס האט די וויניגסטע יוגנט-קרימינאליטעטן. זיי האבן געשריבן אז איטאליע איז דאס פלאץ. און די סיבה איז ווייל אין איטאליע איז דער טאטע בעל הבית. דער מאן איז געווען בעל הבית. זיין ווארט איז געווען די געזעץ. דאס איז שוין געווען א לאנגע צייט צוריק. און דערפאר איז דארט געווען די וויניגסטע יוגנט-קרימינאליטעטן. מען דארף האבן א שטארקע האנט צו פירן די פאמיליע.

פארשטייט זיך אז צומאל איז דער טאטע דער שוואכער. צומאל איז די מאמע די שטערקערע, אבער רוב מאל איז עס דער טאטע.

און וועגן דעם איז דער מאן דער הויפט, עס איז געווען וויכטיג אז דער מאן זאל האבן דעם ענדגילטיגן ווארט. "די ווילסט בלייבן מיין ווייב, דאן וועסטו דארפן קאאפערירן."

יעצט אודאי איז געווען א געוויסע מאס פון אומ'יושר אויך. יעדע סיסטעם האט אביסל אומ'יושר צו געוויסע מענטשן. אבער רוב פרויען האבן בעניפיטירט פון דעם סיסטעם מער ווי זיי בענעפיטירן נאכדעם וואס זיי האבן באקומען די רעכטן זיך קעגנצושטעלן זייער מאנ'ס גט. פארוואס זיי האבן געמאכט די תקנה, וועט איר דארפן פרעגן רבינו גרשום... איך וויל נישט יעצט אריינגיין אין דעם, אבער עס איז זיכער אמת אז בכלליות איז עס נישט געווען קיין בענעפיט פאר זיי, ווייל עס קומט ארויס אזויפיל אומגליקליכקייט פון די אומזיכערקייט.

ווען א פרוי ווייסט אז דאס איז עס, מאכט זי אפ ביי זיך צו לעבן דערמיט און צו הנאה האבן; און זי קען לעבן ביז די 120 יאר אונטער די מאנ'ס העגעמאניע. אבער ווען זי האט געדאנקען אז אפשר איז דא האפענונג דורכ'ן זיך ארויסברעכן, אפשר קען זי רעוואלטירן, אפשר קען זי מאכן א רעוואלוציע, דאס איז איר גורם אסאך אומרואיגקייט און אומגליקליכקייט.

מענטשן זענען פריילך ווען זייערע מחשבות זענען אפגעמאכט ביי זיי. עס איז א פאקט אז אין סטאבילע הייזער וואו עס איז דא אויטאריטעט, איז דא פיל מער שמחה ווי אין די ליבעראלע הייזער וואו מענטשן קענען טון וואס זיי ווילן נאר און פרויען קענען זיך גרינגער אפברעכן פון זייערע מענער.

ערשטנס כל קאנקורירן זיי מיט זייערע מענער אין די אויטאריטעט און אסאך מאל זוכן זיי צו האבן דעם העכערן האנט אין אויטאריטעט און דער סוף איז צעטיילונג און גיטין און די אלע הארץ-ווייטאג און טראגעדיעס וואס פאלגט נאך, און צעבראכענע הייזער.

און היינט, פון יעדע 4 פארפעלקער וואס האבן חתונה, ענדיגט זיך דריי מיט א גט. עס איז אן עפידעמיע היינט צו טאגס, דאס מיינט אן עפידעמיע פון אומגליקליכקייט.

און דערפאר, די מאדערנע סיסטעם האט גארנישט צו זאגן אין זיין שטיצע. עס איז גארנישט חוץ אומגליקליכקייט. און די אלטע סיסטעם האט פארזיכערט די מאקסימום גליקליכקייט.

קיין שום סיסטעם איז נישט פארזיכערט. קיין שום סיסטעם קען נישט גאראנטירן גליקליכקייט. עס איז במילא נישט דא קיין עכטע גליקליכקייט אויף די וועלט. מען קען נישט האבן שלימות'דיגע שמחה. עס וועט אלעמאל זיין געוויסע טענות קעגן סיי-וועלכע סיסטעם, אבער די תורה-סיסטעם גאראנטירט די וויניגסטע מאס פון אומגליקליכקייט. (# 287)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעזעצט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com


דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










**$1**
א וואך
$3 מועדים

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב